I Rok. Gazeta Żydowska Robotnicza Organ partyi socyalno-demokratycznej. Nr. 13.

די אדרעסע פון דער רעדאַקציע
און אדמיניסטראַציע:
Jüdische Arbeiter Zeitung
Kraków,
Sławkowska 29.
טעלעפאָן נומער 624
איינצעלנע נומער 8 העל.

# יודישע ארבייטער=צייטונג

ארגאַן פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי.

ערשיינט יעדען פרייטאג.

אבאָנאמענטס־פרייז:
יעהרליך: 4. קראָנען.
האלביעהרליך: 2. קראָנען.
פיערטעליעהרליך: 1. קראָנע.

פרייז פון אנאָנסען:
פיר יעדער שורה פעטיט אָרער
איהר פלאַטץ 10 העללער.

Kraków, piątek 30 czerwca 1905. נומר 13. קראָקוי, 30 יוני, 1905.

אויף דעם מזבח פון פרייהייט האט דער פראלעטאריאט פון קרוין פוילען ווידער געבראכט אנ'אנגעהייערע צאהל קרבנות. ניט קוקענדיג אויף דעם ווילדען, בעוואפענטען פיינד האלט דער פראלעטאריאט הויך די רויטע פאהן פון פרייהייט. זייט דעם 1871־טען יאהר האט נאך די וועלט ניט געזעהען קיין ווילדערע מיליטערישע געוואלדטהאטען און ניט קיין שטארקערען, אהן א גרענעץ סאלידארישען ווידערשטאנד פון דעם אויפגעבונטעוועטען פאלק.

עהרע דעם אנדענקען פון די געפאלענע קעמפפער.

## געגאסען און געגאסינען!

„א גרויליכער געפיהל פון נקמה ערגרייפט. געוועהר! — אהן דעם וועלען מיר גאר ניט מאַכען. דאָס איז היינט אונזער ערשטע נויט!“

מיט די ווערטער ענדיגט זיך די צוגעשיקטע פון אונזערע לאָדזער געגאָסען קאָרעספאָנדענץ, וועלכע איז געדריקט אין „נאפרזשאָד“ פון 26־טען ד. מ. געגען דעם העלדישען קאמפף, וואָס אונזערע ברידער פיהרען אין לאדז און ווארשא, דעם קאמפף וואָס איז אויסגעקויפט מיט דעם בלוט פון טויזענדער — איז אונזער חוב טראגען זיי ענערגיש מאטעריעלע הילף.

די נדבות „צו הילף פאר רוסיש־פוילען“ דארפען זיך איצט הונדערטפאך פערגרעסערען! מיר דארפען זיך אלע אָפּאדאטקעווען!

קראקוי דעם 26־טען יוני 1905.

די עקזעקוטיוו־קאָמיטע פון דער פולישער סאצ. דעמ. פארטיי
פון גאליציען און שלעזיען.

## די גסיסה פון צאראט.

גרויליכע נייעס קומען ווידער אָן פון לאָדז. די ווילדע קאזאקען בושעווען ווידער איבער די גאסען פון לאדז, טויטענדיג אָדער פערוואונדענדיג יעדעם, וואָס געהט זיי אָן אין וועג; די רוסישע זשאָלדאקעס שיסען זייט עטליכע טעג אויף די אונבעוואפענטע לאָדזער ארבייטער, דערהרג'ענען פרויען און קינדער. דאָס רוסישע מיליטער טריאומפירט. העכער טויזענד געטוידטע און פערוואונדעטע אין איין טאָג! די צארישע רעגירונג האָט מיט וואָס צו שטאָלצירען, די העלדישקייט פון איהרע זעלנער, וועלכע האָט זיך ארויסגעצייכנט אין מאָרדעווען אונבעוואָפענע, פרויען און קינדער איז געווען אנ'אונגעהייערע, וועלכע די געשיכטע ווייס ווענינ. פיעל, פיעל מאָרד־טריאומפען האָט שוין די צארישע רעגירונג אויף איהר געוויסען, וואָס ווייטער אָבער מאַכט זי פאָרשריטען. נאָך מיט עטליכע טעג פריהער האָבען מיר געוואָלט אויף דעם אָרט ארומרעדען דעם ווילדען פאָגראָם אין בריסק ליט. עס האט זיך אונז דאָן אויסגעוויזען, אז עס איז דאָס העכסטע, וואָס זאָגאר די צארישע רעגירונג קען בעווייזען. ארויסשיקען מחנות זעלנער אויף רוהיגע בירגער און לאָזען זיי ראַבעווען און שלאָגען און דערצו נאָך ניט לאָזען זיך וועהרען! די פאָליציי, וועלכע דארף היטען די אָרדנונג שיסט ניט אין די, וואָס שטערען זי, נור אין די וואָס פערטהיידינגען זיך און זייערע ברידער! מיר האָבען געוואָלט אויף דעם אָרט וואָרפען אונזער, ליידער אָנמעכטיגע, קללה אויף דעם קאפף פון די מערדער, אָדער ריכטיגער אויף דעם קאפף פון דעם מערדער.. אָבער דער נייער מאָרד אין לאָדז האָט ווידער אבגערוקט אָן א זייט די עולות, וואָס געשעהען יודען אין פערשידענע שטעדט אין ריסלאנד און ליטא. דאָס איז שוין ניט קיין פאָגראָם, דאָס איז א שחיטה! דאָ האָט מען ניט ארויסגעלאָזען קיין אונבעוואָפנעטע רעזערוויסטען, ווייל מיט די רוסישע העלדען וואָלטען די הונדערט טויזענד לאָדזער ארבייטער לייכט פערטיג ווערען, מען האָט דאָ ארויסגעשיקט קאָזאקען, פוס מיליטער און קאוואַליעריע, אלע גוט בעוואָפענט.

אזעלכע ראשע פארשריט מאַכט די רוסישע רעגירונג אין א פערלויף פון אזא קורצע צייט אויף דעם וועג פון פערברעכען און מערדערייען. ווייל דאָס האנדעלט זיך אום זיין גאנצע עקזיסטענץ, וועלכע איז איצט ווי קיינמאָל ביזהער איינגעשטעלט. אין א לאנגע אָהן אנ'אויסגאנג געפינט זיך איצט די צארישע רעגירונג, די גרויסע עסקאדרע, די לעצטע האָפנונג פון דער רעאקציע אין רוסלאנד, אז זי וועט אומקעהרען דער זעלבסטהערשענדער רעגירונג די פאָפּולאַריטעט און וועט איהר מאַכען מעגליך צו שליסען א מעגליכען פריעדען און פאָראלעם צו אונטערדריקען די אָפּאָזיציאָנעלע בעוועגונג — ליעגט אויף'ן גרונד פון יאפאנישען ים. פיהרען ווייטער די מלחמה איז ניטא פאר וואָס און — וואָס איז נאָך וויכטיגער — ניטאָ מיט וואָס. שליעסען א שלום דארף נאָך טייערער קאָסטען און דערביי וואָס טהוט מען מיט די דעמאָראליזירטע זעלנער פון מאנדזשוריען, וועלכע האָבען אויף זייער איינען לייב אויסגעפרובט דעם היינטיגען סיסטעם. און די אָפּאָזיציאָנעלע בעוועגונג ווערט מיט יעדען טאָג שטאַרקער. טרעפאוו ווערט א דיקטאטאָר, פאַרוועהרט אָבהאלטען א פערזאמלונג פון זעמצעס און זיי האלטען זי דאָך אָב. נאָך מעהר, דער צאַר, דער „געטליכער“ הערשער מוז אָנגעהמען א פרעכע דעפוטאַציע, וועלכע מען וואָלט מיט א יאָהר צוריק פערשיקט קיין סיביר, און אויסהערען פון זיי מוסר. ער, דער משיח ה' האָט געמוזט צוואָגען און בעטען. נור מיט דער אָפּאָזיציע וואָלט נאָך געווען א האלבע צרה: זיי געהען אין האנדשוהע, מיט זיי קען מען רעדען, זיי זענען געלאַסען און פאָדערן קיינמאָל ניט צופיעל. ערגער איז דער געגנער אויף'ן גאס, די ארבייטער מיט די פויערים: זיי ווילען א רעפובליק און האָבען גאָר קיין דרך ארין ניט פאר'ן הייליגען טהראָן; מיט זיי קען מען זיך זאָגאר ניט פאנאנדער



**Zofia Biesiadecka**

Oświęcim.



Przez Wysokie ck. Namiestnictwo koncesyon.

**Biuro PODRÓŻY**

**Zofii Biesiadeckiej**

Oświęcim (dworzec)

sprzedaje bilety okrętowe

**do Ameryki**

I., II. i III. klasy dla parostatków pospiesznych, oraz bilety kolejowe dla kolei północno-amerykańskich we wszystkich kierunkach.

Ceny ściśle wedle taryf okrętowych i kolejowych

**Bilety okrętowe do Kanady**

i bilety kolejowe kanadyjskie.

Prospekty darmo i opłatnie.

**Tajny memoryał kuratora warszawskiego Szwarca**

w sprawach szkolnych

Cena 1 kor. Cena 1 kor.

**Strejk polityczny w Królestwie Polskiem**

Cena 2 kor. Cena 2 kor.

Do nabycia we wszystkich księgarniach oraz administracyi „Naprzodu" i „Przedświtu" (Kraków, Grodzka 50). Zwracający się wprost do administracyi, nie ponoszą kosztów przesyłki.

**= F. MISSLER, BREMEN. =**



**CESARSKIE PAROWCE**

„Kaiser Wilhelm II." 215 metrów długi
„Kronprinz Wilhelm" 202 metrów długi
„Kaiser Wilhelm der Grosse" 198 metrów długi

**jadą z Bremy do Nowego Yorku 6 do 7 dni.**

Odjazd we wtorki.

**Cesarskie** parowce jadą tylko z **Bremy**, kto więc chce cesarskimi parowcami jechać, **może zupełnie swobodnie bez przeszkody podróżować**, nikt nie ma prawa zabronić mu tego. Każdy powinien już w domu postanowić w jakim kierunku jechać zamierza i nie powinien w drodze dać się namówić, lub odwieść od swego zamiaru.

**Każdy ma swoją wolną wolę i może za swoje pieniądze podróżować dokąd chce.**

W każdym jednak razie należy się zawczasu postarać o miejsce na statku, a dla zapewnienia tegoż należy wcześnie nadesłać na mój adres 20 koron zadatku.

**F. Missler, Bremen, Bahnhofstrasse 30.**

צו בעקומען אין אלע גרעסערע געשעפטען

**PARVEOL**

!!

די ריינסטע

גווראנטירטע

פפלאנצונגס

**פוטער**

פארטרעט פאלשטענדיג

דאס נאטירליכע פוטער.

נויטהיג אין יעדער יודישער

קעך צום קאכען, פרעגלען

און באקען.

און דער פאבריק פון יאנ. זינגער אין ביעלסק (עסטרייכישע שלעזיען).

דער גענ. פערטרעטער פיר גאליציען און בוקאווינא :

Simon Loria, Kraków, Sebastayna 20.



Do

**Ameryki!**

jakoteż do innych zamorskich krajów przeprawia najtaniej powszechnie znana firma

**B. Karlsberg, Hamburg**

Ferdinandstr. 15.

Nim kto szyfkartę kupi, niech porówna moje ceny z cenami agentów okrętowych.

**Skład Piwa Karwinskiego**

Jego Eksc. hr. Larisch-Mönnich'a

Kraków, ul. Poselska 15 — Telefon 431

poleca P. T. Publiczności swoje wyśmienite piwa

jako specyalność

**PIWO ZDROWOTNE**

à la Kulmbachskie

**(Granatbräu)**

**I PIWO CESARSKIE**

à la Pilzneńskie, beczkowe i butelkowe.

jako specyalność

Wysyłka do domu. — Liczne zamówienia uprzejmie uprasza

*Skład Piwa Karwińskiego*



Wydawca i odpowiedzialny redaktor Ignacy Gross.

Z drukarni Józefa Fischera w Krakowie

דאס בלוט ווערט פערגליווערט אין די אדערן, ווען מען טראכט וועגען די געפאלענע אונזערע ברידער און א ווילען פון נקמה, פון א שרעקליכער און באלדיגער נקמה צופלאקערט אונזערע הערצער. אבער בעפאר די ראכענדע האנד פון דער רעוואלוציע וועט אומברענגען די פערברעכער, מוזען מיר געבען אן׳אויסדריק אונזער פראטעסט און כעס. מיר מוזען אלס אן׳ארבייטער מאסע, אלס אן׳ארבייטער פאלק, אויסדריקען די סאלידארישע געפיהלען, וועלכע מיר האבען, מיר מוזען מאניפעסטירען פאר דער וועלט און פאר דער רעגירונג אונזער עהרע פאר די געפאלענע ברידער, דעם האס און עקעלהאפט צו זייערע מערדער. מיר רופען אייך דעריבער, גענאסען־ארבייטער, צו א גרויסער מאניפעסטאציע אויף דאנערסטאג. זאל דאס גאנצע הונדערט טויזענדיגע ארבייטער־פאלק פון לאדז קומען אויף דער מאניפעסטאציע, מיר וועלען געהן רוהיג און פייערליך אונטער אונזערע רויטע פעהנער, מיט רעוואלוציאנערע געזאנגען אויף די ליפען — און אונזער צאהל און האלטונג וועלען צייגען אונזער מאכט, די מאכט פון פראלעטאריאט. אין דעם טאג מוז איינגעשטעלטע ווערען די וואגען־בעוועגונג אין שטאדט און די געוועלבער מוזען זיין פערמאכט.

מיר וועלען ניט ארויסרופען קיין צוז מענשטויסען מיט דעם מיליטער. ווען אבער די רעגירונג וועט נאך ווייניג האבען די בעגאנגענע פערברעכענס, ווען אבער די מערדערישע האנד וועט וועלען שטערען די ערנסקייט פון אונזער מאניפעסטאציע, ווען אבער עס וועלען זיין סאלווען, עס וועלען פאלען נייע קרבנות — ערקלעהרען מיר פאראויס און ענטשלאסען: פאר דעם, וואס וועט פאסירען, מאכען מיר פערזעהנליך פעראנטווארטליך דעם פאליצמייסטער חיזאנאווסקי ווי אויך דעם גארניזאן־קאמענדאנט פון לאדז. אויב דאנערשטאג וועלען פאלען אונזערע ברידער — וועלען מיר אויף די ביידע אויספיהרען דעם טויט־אורטהייל, אזוי בעשליסען מיר — און מיר וועלען האלטען ווארט, דער לאדזער ארבייטער קאמיטעט פון דער פוילישער סאציאליסטישער פארטיי. לאדז, דעם 21־טען יוני 1905־טען יאהר״. און עס זענען געפאלען נייע קרבנות. אמת, די פראצעסיע איז דורכגעגאנגען רוהיג, אבער פאר נאכט האבען די קאזאקען אין עטליכע ערטער געגעבען שאסען אויף די ארבייטער. עס האט זיך אנגעהויבען אן׳אמת׳ע רעוואלוציע. דער בערלינער „לאקאל אנצייגער״ שרייבט אזוי ארום די פאסירונגען פון דאנערשטאג און פרייטאג: „פון דאנערשטאג אבענדס קאכט אין לאדז א רעוואלוציע. די „פוילישע סאציאליסטישע פארטיי״ און דער „כונד״ האבען אזוי לאנג ניט ארגאניזירט קיין בעוואפענטען ווידערשטאנד, ווי לאנג דאס מיליטער האט זיך געהאלטען רוהיג. ווי נור אבער די זעלנער האבען אנגעהויבען פראוואצירען און אטאקירען, האט זיך א גרויסע טהייל ארבייטער בעוואפענט מיט רעוואלווערן. מען האט געשאסען אויף די קאזאצקע פאטרולען און געטוידט זיעבען זעלנער און עטליכע אפיצירען; איין אפיציר איז געפאלען טויט פון דעם שאס פון א יונגעס מיידיל. די גאנצע נאכט האבען געהילכט סאלוועס פון פוס־מיליטער און האבען געדוויערט די אנפאלען פון די קאזאקען. די ארבייטער האבען געענטפערט אויף די שאסען און האבען געטויט אונטער אנדערע דעם זשאנדאמסקי׳ן נאטשעלניק, פולקאווניק אנדרעיעוו. אויף ביידע זייטען זענען געווען פיעל טויטע און פערוואונדעטע.

פרייטאג פון דער פריה אן האבען זיך די אונרוהען ווידער אנגעפאנגען. די פוהרען פון די פויערים, וואס זענען געקומען אויף דעם מארק, האבען די מאניפעסטאנטען צוגענומען און, איבערדרייענדיג זיי מיט די רעדער ארויף, האבען פון זיי געמאכט **באריקאדען**, אין עטליכע ערטער האט מען אויפגעבויט באריקאדען פון די פעסער, בלעך, ברעטער, לייטער, פעק און ז. וו. פערשטארקענדיג דאס אלעס מיט דראהט, וועלכען מען האט אבגעריסען פון די טעלעפאנען. די ארבייטער האבען פערלאזען אלע פאבריקען. עס האבען זיך אנגעפאנגען צוזאמענשטויסען מיט׳ן מיליטער און ברענען און פאגראמען פון די מאנאפאל־געוועלבער, צוזאמען האט מען פארברענט און פערניכטעט 30 מאנאפאל־געוועלבער.

די שטאדט זעהט שרעקליך אויס. אויף דער פיאטרקאווער גאס האט מען אויסגעריסען די פליטעס פון די טראטוארען, ציבראכען אויף שטיקלעך און אבגעשטויסען מיט זיי די אטאקען פון דעם מיליטער. אויף די גאסען, וואס זענען אויסברוקירט מיט שטיינער, האט מען ארויסגעריסען דעם ברוק און צונויפגעלעגט אין הויפען. אויף דעם וואדני רינעק, וואו עס איז געפא־

# גענאסען, קלויבט אויפ׳ן פרעספאנד.

II

## אויף די באנגעטען.

זיי זענען געגאנגען... אלע זענען געגאנגען!

אויף די באנגעטען!...

און איך בין זיי נאכגעגאנגען — איך בין געווען דער לעצטער, עטוואס — אזוי ווי א ערנינערונג פון לאנג אפגעשטארבענע געפיהלען — האט געהעמערט מיינע בעוועגונג, און אין מיין געדאנק זענען אדורכגעלאפען ערנינערונגען:

די אלמענשליכע ליעבע! אזוי געדענק איך: ליעבע! אבער דאס איז געווען שוין לאנג, אזוי לאנג, מעגליך איין מאנאט, מעגליך צוויי. ווען איך בין געגאנגען אויף דעם קריעג. צו איך געדענק איבערינגעס ווען!

אלעס דאס איז בלויז שאטענס, אונקרעפטיגע שאטענס פון פערגאנגענהייט און זייער געמורמעל קען נישט אויפוועקען און ווידער בעלעבען מיין ווילען פון טהעטיגקייט.

איך געדענק, אז איך בין געלאפען וואס אמאל שנעלער, אז איך האב געהערט א אונצעהלבארע טופעריי פון מענשליכע פיס און טויזענדער געשאכטענע העלזער וואס עס האט זיי געפעהלט לופט.

דורך אווילע האב איך געקעמפפט מיט מיין ערגריפענעס נייסט און מיט דעם אנגעפאלענעם וואוטה, איך האב געדורשט נאך בלוט אין מארד...

דורך א ווייל...

איך געדענק ווי עפעס א משוגעת האט מיך ערגריפען, ווי איך האב מיך געשטעלט וואס אמאל אלס א געהנמער פון די ערשטע רייהען, און יענער פירכטערליכער, ווילדער „הורראו!״ ווען איך בין הערוים אויפ׳ן פראנט פון די לויפענדע, בין איך צו געפאלען צום פריינד...

און שפעטער בין איך שוין דארט נישט געווען, עס איז געווען עפים א בייזע און שלעכטע קראפט, וואס האט מיר ערגריפען דעם מוח אין די הענד, וואס האט צוגעדריקט מיין מענשליכען „איך״ און האט געקירעוועט מיט פערברעכען פון מיינע טהאטען... ז׳ דאס — — ז׳ האט געאטעמט אין מיין ברוסט דעם פערלאנגען נאך בלוט.

וואס איז געווען נאכהער? — איך ווייס נישט גוט.

איך ווייס, אז אונטער דעם קלאפ פון מיין באגנעט האט ארויסגעשפרוצט א קוואל פון הייסעם בלוט, עס האט פערגאסען מיינע אויגען, דאס מויל, אז איך האב געשפירט א זאלצינגען געשמאק אהנע זיך צו עקלען.

איך געדענק, ווען מען האט מיר ארויס געקלאפט פון דער האנד דאס געוועהר, האב איך געכאפט עפעס א געהל פנים צווישען מיינע פינגער אריין און האב געשטיקט פאר׳ן האלז און מיט די קניען צוגעדריקט.

און איך געדענק די ארויסגעזעצטע, מיט בלוט פערלאפענע אויגען, איך געדענק, אז זיי האבען מיר עפעס געזאגט מיט זייער אויסדרוק, אז זיי האבען מיר געוואלט פערטשעפען עפעס א סטרונע פון מיין נשמה, אז זיי האבען גערופען מיט עפעס א משונה׳דיגען געשריי — אבער איך האב נאר נישט פערשטאנען.

די פינגער מיינע האבען וואס אמאל מעהר צוגעדריקט דעם האלז פון דעם קרבן — און די אויגען זענען געווארען וואס אמאל מעהר שטום.

און איך געדענק זאגאר נישט, ווען זיי זענען פערלאשען געווארען.

איך געדענק, אז איך האב דערפיהלט א שטארקען, אזוי ווי מיט א שווערען האממער, קלאפ אין קאפף אריין, אז איך האב פערלוירען דעם כח און די מאכט אין די פינגער, אז אומזיסט האב איך זיך געסטארעט צו שטארקען זיך... מיינע הענד זענען געווען שטייף, זיי האבען פערלוירען דאס געפיהל, אז זיי ווערגען נאך אלס דעם האלז פון דעם קרבן און אומזינסט האב איך אנגעשטרענגט מיין בליק אום צו זעהן דאס געהלע געזיכט פון פייגד.

א געפעל עפעס ארונקלער געפעל — האט מיר פערשטעלט די אויגען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען איך בין געקומען צו זיך בין איך געלעגען מיט דעם פנים אויף א צערקוועטשט, מיט בלוט פערגאסענעם פנים פון א יאפאנער, די שטייפע פינגער מיינע זענען געווען צוגעדריקט ארום זיין האלז און די אויגען — זיינע אויגען — האבען געשטעקט מיט דעם בליק אין מיין פנים.

אך די אויגען!

מ. פראקאפ.

לען אם מעהרסטען געטויטע און פערוואונדעטע, האט מען אויך געבויט באריקאדען.

אלע שפיטעלער זענען איבערפולט. אין פערלויף פון פרייטאג האט מען ארויסגערופען די סאנאטאוויע 400 מאל.

שבת און זונטאג האט מען דעם גאנצען טאג געהערט שיעסען. פון איין הויז איז געפאלען א שאס אויף א פאטרול. די זעלנער האבען זיך אריינגעריסען אין הויז און האבען ערמארדעט 18 פערזאנען. זאנטאג, זעכס אוהר אבענדס האט מען אויף לאגיעוויקי געווארפען א באמבע אין סטאיניע פון די קאזאצקע פערד. די באמבע האט געטויט פיער קאזאקען, פערוואונדעט 16 ; 60 פערד האט זי צוריסען אויף שטיקלעך.

די קאזאקען ראבירען. זיי זיינען אריינגעפאלען אין איין פאסט־פיליע און האבען צוגענומען עטליכע טויזענד רובעל און טייערע חפצים.

די רעוואלוציע האט זיך איבערגעווארפען אין ווארשא, טשענסטאכאוו און נאך אנדערע שטעדט, איבעראל בויען די ארבייטער באריקאדען, איבעראל בענעהט דאס מיליטער גרויליכע מערדערייען. מען רעכענט זאגאר, אז די רעוואלוציע וועט זיך איבערטראגען קיין רוסלאנד.

די רעגירונג האט זיך טאקע גענומען ערנסט צו דער זאך. אין לאדז און אומגעגענד האט מען ערקלעהרט דעם קריעגס־צושטאנד. מען ערווארטעט דאס זעלבע אין ווארשא

## א דרינגענדען אנטראג אין פארלאמענט.

מאנטאג האט גענ. דאשינסקי געשטעלט אין פארלאמענט א דרינגענדען אנטראג: מען רופט די רעגירונג, זי זאל די פאליטישע רעזערטערען וועלכע זוכען שוטץ אין די גרענצען פון עסטרייך פאר דעם יאגען פון רוסישער זעלבסטהערשענדער רעגירונג, בעהאנדלען מענשליך און זאל ניט פערשטערען די געעהרטע אין אלע ציוויליזירטע מלוכות שוטץ־געזעטצען". ווען גענ. דאשינסקי איז געקומען צום ווארט האט ער ארומגעשילדערט די גרויליכע מערדערייען, וועלכע די רוסישע רעגירונג בענעהט איצט אויף די יודען און די לעצטע מערדערייען אין לאדז. די רעדע האט געמאכט א גרויסען רושם. דער מיניסטער האט גלייך צוגעזאגט, אז די רעגירונג וועט זיך מיט די רעזערוויסטען בעגעהען אין דעם זינן פון דעם אנטראג. דער אנטראג איז כמעט איינשטימיג אנגענומען געווארען.

## דער לעצטער ראמאנאוו.

דו אונגליקליכער צאר־דעספאט,
איך האס דיין שווארצע מאכט,
איך שילט דיך ווי דעם בייזען גייסט,
פון שקלאפעריי און נאכט —

איך האס און פלוך דיך, קין — טרוס
וואס מארדעט און זיך שרעקט,
דאך אין מיין האס־געפילטע ברוסט,
צו דיר זיך מיטלייד וועקט...

א, אונגליקליכער צאר־דעספאט,
ווען דו זאלסט אויף דער וואג
ארויפלעגען דיין קרוין, און איך
די קייטען וואס איך טראג —

אראבגעוואויגען צו דער ערד,
וואלט דיין באגולדטע לאסט,
דען ווי א בארג פון בליי דריקט שווער,
די קרוין פון פאלק פארהאסט...

און שקלאפען־קייטען וועגען לייכט
ווען פון דער ווייט שוין איילט
מיט ריעזען־טריט דער נייער גייסט,
וואס זיי פאנאנדערפיילט...

דו האסט מיט תפיסות פולל געמאכט
דיין שווער פאריאכטע־לאנד,
און ביסט אליין אין טורמע דאך,
געקרוינטער ארעסטאנט...

קיים וואגסטו פון דיין קעניג־שטייג
אריבערגעהן דעם שוועל.
קיים וואגסטו אנצוזעהן דעם שקלאף,
וואס קניעט צו דיין באפעהל...

און דו, וואס אויף מיליאנען ווארפט
א מורא דיין פארטרעט,
דו ציטערסט פאר'ן שיין, און ביסט
ניט זיכער אין דיין בעט...

דיך שרעקען אין דער פינסטערניס
דעם ראכע־נעהמערס טריט,
עס טומעלט אין דיין אויער נאר
דער קראך פון דינאמיט

און ווען אויף דיין געלעגער ווארפט
אין פחדים זיך דיין קאפ,
עס גלאצט דיר דער ראמאנאוו־שטאם
מיט שפאט פון וואנד אראפ.

עס קוקען מיט פעראכטונג דיך
די טויטע בילדער אן,
און פראפעצייען שטום: „דו ביסט
דער לעצטער אויפ'ן טהראן..."

דענוועה, 6־טען יוני, 1905.

יהואש („פארווערטס").

## דער פאגראם אין בריסק ליט.

צום „פריינד" שרייבט מען פאלגענדעס וועגען דעם פאגראם אין בריסק: מיט אכט טאג פאר דעם פאגראם זענען פארגעקומען אזוי ווי מאנעווערס, פאר דעם אמת'ען פאגראם. די רעזערוויסטען, וועלכע זענען געוועזען פון די קישעניעווער געגענדען, האבען זיך איבערצייגט, אז קיין שטערונגען זייטענס דער פאליציי וועלען זיי אין דער שענדליכער ארבייט ניט האבען. ערשט דאן האבען זיי געמאכט הכנות צום פאגראם. זונטאג דעם 29־טען האבען זיך די רעזערוויסטען, אזוי ווי מיט אוואך פריהער, צונויפגעקליבען אויפ'ן מארק. 2 א זייגער בייטאג האבען זיי זיך א נעהם געטהון, ווי פאר אכט־טאגען, צו די טישלעך. איצט האבען זיך שוין די בויאנעס אנגעגרייט מיט שטיינער אין די קעשענעס און האבען אנגעמאכט פון זיי א האגעל. אין איילעניש האט מען אנגעהויבען פערמאכען די קראמען. דער המון האט זיך אלאז געטהון פון מארק, זיך צוטיילענדיג אין 3 פארטיעס. איינע איז אוועק אויף פאליצייסקי גאס, די 2־טע — אויף מיאסנאיא און די 3־טע אויף שאסיינע. אויף פאליצייסקי גאס געפינען זיך גרויסע און רייכע מאגאזינען, נאר זיי זענען אלע געוועזען פערמאכט, עס איז געווארען א האגעל פון שטיינער, וועלכע מען האט געווארפען אין די פענסטער. דער הויפט פון די צווייטע עטאזשען, ווייל די אונטערשטע זענען דאס רוב פערנומען מיט מאגאזינען. דאס זעלבע איז אויך פארגעקומען אויף שאסיינע גאס. נאר שרעקליכער פון אומעטום איז געוועזען אויף מיאסנאיא, וואו עס געפינען זיך דאס רוב קליינע איין נארעדיגע טויערליך. דא האט מען צובראכען די לאדענס מיט די פענסטער. כמעט אין אלע הייזער פון ביידע זייטען גאס. אין איינינע הייזער האבען די ווילדע חיות חרוב געמאכט אלץ, וואס האט זיך אין זיי געפונען, זיי האבען געמאכט א תל פון אלע זאכען און אויך צוריסען די פערענעס און קישענס און געלאזט די פעדערן אויף דער לופט.

אויך אויף שאסיינע גאס האבען זיך די בויאנעס אריינגעריסען אין הויז פון איינעם א יונגען־מאן, בראוונימאן, האבען אויסגעבראכען די פענסטער און האבען אלץ צוריסען, צובראכען אדער צוראבעוועט. דער היזק טרעפט אן ביז 1500 רובל.

בעת די רעזערוויסטען האבען געריסען שטיינער פון ברוק און זיי געווארפען אין די הייזער און אין די יודען האבען זיך צונויפגעקליבען א ביסעל מענשען אויף דער קאראטקער גאס, וואס גרעניצט זיך מיט דער פאליצייסקער גאס. די בויאנעס האבען זיי דערזעהן און האבען זיך אהין אלאז געטהון. נאך זיי איז אויך מיטגעגאנגען א פאטרול מיט 2 פאליציי־בעאמטע נאגאל און אנאנעסאוו, וועלכע האבען נישט קלערענדיג גלייך געהייסען דעם פאטרול שיסען אין די יודען.

עס זענען דערביי פערוואונדעט געווארען 4 מענשען. צווישען זיי א קריסטליכער פריקאשטשיק. פון די 4 פערוואונדעטע איז איינער אן־ארים בחור'ל

טער האָט נעשאָסען די ארבייטער, עס איז גרויזאם, פערוואונדערטע — זאגט מען — זאָל זיין זעהר פיעל.

דא זאגט מען, דאס געסטערן איז אין לאדז שרעקליכע זאכען פאָרנעקומען. עס קומען אן פיעל מענשען פון לאדז און ערצעהלען, דאס דארט זעהט אויס שרעקליך, עס איז נאָך פיעל ערגער ווי אין דער מלחמה וואָס קומט פאר אין מאנדזשוריע...

# קאזימיערז קראוז.

## (מיכאל לושניא.)

שבת, דעם 24־טען יוני ה. י. איז נעשטאָרבען אויף שווינדזיכט אין פרעננימץ הינטער וויען אין 33־טען יאהר לעבענסאלטער גענ. קאזימיערז. קראוז. דער נפטר האָט געהערט צו די וויכטיגסטע טהעארעטיקער און פובליציסטען פון פ. פ. ס. און וועלכער ער האָט געארבייט זינד זי איז פערלענט געוואָרען. זיינע אַרטיקלען און בראָשורען פלעגט ער דאָס רוב אונטערשרייבען מיט דעם פסעאודאנים: מיכאל לושניא. עטליכע פון זיינע ווערק זענען איבערזעצט געוואָרען אויף זשארגאָן; מיר ווילען דאָ דערמאָהנען די בראשורען: די „אַרבייטער סאלידארימעט און דער קאמפף אום דא־זיין" און „דער רעכטער וועג" אין פייגענבוים'ס איבער אַרבייטונג.

נענ. קראוז. איז געווען איינער פון די בעקאנטסטע און פערדינסטפאלסטע יונגע טעארעטיקער פון מארקסיזמוס. פיעל ווערק האט ער געדרוקט אין די פראַנצויזישע און דייטשע ארגאנען פון וויסענשאפטליכען סאָציאַליזמוס.

ער איז אויך געווען א שטענדינער מיט ארבייטער פון אלע אונזערע פארטיי־אויס נאבען, און איז געווען בעשטימט פאר א רעדאקטער פון א וויסענשאפטליכען מאנאטשריפט.

אין נעכסטען נומער וועלען מיר געבען וועגען די אלזייטיגע טהעטינקייט פון דעם פריה נעשטארבענען גענאָסע א גרעסערען ארטיקעל.

דער טוידט פון קאזימיערז קראוז אין דער צייט פון גרויסע רעוואלוציאנערע קאמפפען אין רוסיש־פוילען איז פאר פ. פ. ס. א שווערע, אונערזעטצליכע פערלוסט. עס וועט שווער זיין צו פערפילען דעם לייזיגען ארט, וואס ער האט נאך זיך נעלאזען. עהרע דעם אנדענקען פון דעם טייערען גענאסע!

# די ארבייטער וועלט.

## דער סאציאליזמוס אין יאפאן.

ווי עס בעריכטעט אונזער יאפאנישער ברודער-אָרגאן דער „שאקונען" וועט אין טאקיא (דער הויפטשטאדט) צום ערשטען מאל אוועק נעשטעלט ווערען א סאציאל דעמאקראטישע קאנדיראטור. פאר דעם שטאדט ראטה נעמליך נענ. קינאסיטא. אבער טאקיא רעכענט פאר זיינע 1 מיליאן און 8 הונדערט טויזענד איינוואהנער אין גאנצען 16 טויזענד מיט 800 וועהלער. זא דאס די קאנדידאטור האט קיין אויסזיכט ניט אויף אן ערפאלג. ער איז אוועק נעשטעלט געווארען נאר מיט דעם צוועק צו מאכען פראפאגאנדא פאר'ן סאציאליזמוס. אבער עס איז דאך אינטערעסאנט צו בעמערקען, דאס דער סאציאליזמוס הויבט זיך אין דער יונגער לאנד אן מיט דעם וואס די סאציאל דעמאקראטיע איז דא זיין איינציגע אנערקענטע פארט.

## די וואהלען צום האלענדישען פארלאמענט.

אין האלאנד האבען שטאטגעפונען אלגעמיינע וואהלען צו דער צווייטער קאמער (דעפוטירטען־קאמער). עס זענען נעוועהלט: 23 קאטאליקען, 13 לוטעראנער, 8 ראדיקאלען, 3 ליבעראלען, 8 קריסטליכע סאָציאליסטען און 5 ליבעראלע דעמאקראטען. אלע סאָציאליסטישע קאנדידאטען זענען אין שטיכוואהל, קיין איינציגער איז אויסגעוועהלט אין דעם הויפט וואהל.

אין דער פריהערינער קאמער זענען געווען 23 אנטי־רעוואלוציאָנערע, 10 קריסטליך סאציאלע און 25 קאטאליקען, ד. ה. 58 רעאקציאנערע רעגירונגס שטימען, א חוץ דעם 9 אלטע ליבעראלע, 16 יוניאן-ליבעראלע, 9 ליבעראלע דעמאקראטען און 8 סאציאליסטען, ד. ה. אין גאנצען 42 שטימען פון דער אפאזיציאן.

# בריעף קאסטען.

נענ. זיענמאן, פשעמישל. נעכסטע וואָך.
נענ. ב. באלד, פשעמישל. אין צוויי אָדער דריי וואכען אַרום בעשטימט.

Ostrzeżenie!
przed bezwartościowemi naśladownictwami!

KUNEROL

z poręczen. najczyściejszy tłuszcz roślinny z orzechów kokosowych zawierający 100% tłuszczu. — Żądać „KUNEROLU" w każdym lepszym handlu spożywczym. Do miejscowości, gdzie niema „KUNEROLU" wysyłamy na próbę około 5 kilogr. brutto po cenie Kor. 6·50 opłatnie do każdej stacyi poczt austr. węg. za zaliczką. — Dla hurtowników specyalne ceny. Broszurki i świadectwa lekarzy darmo.

Najstarsza i największa fabryka tłuszczu roślinnego w monarchii

Emanuel Khuner & Sohn
Wien, XIV/2.

די אידישע ארבייטער ביבליאטעק

פון

דער פוילישער סאָציאַליסטישער פארטיי.

| | | |
|---|---|---|
| גן־ערן התחתון. פרייז: | 2 | העלער. |
| קאוטסקי. די אונאבהענגיקייט פון פוילען. פרייז: | 10 | „ |
| פייגענבוים. ווי קומט אַ יוד צו סאָצ.? פרייז: | 20 | „ |
| א וו ר א נ ס ק י. די אידען אין פוילען. פרייז: | 10 | „ |
| ש. דיקשטיין. פון וואָס איינער לעבט. פרייז: | 20 | „ |
| וואָס יעדער ארבייטער דאַרף וויסען און געדענקען. | 30 | „ |
| ליעבקנעכט. די וואהרהייט איבער דעם סאָצ. | 30 | „ |
| די אַרבייטער רעוואָלוציאָן. פרייז: | 15 | „ |
| א. דעמבסקי. סטאניסלאַוו קוניצקי. פרייז: | 10 | „ |
| מ. מיכלזאהן. הערשעל דער שניידער. פרייז: | 10 | „ |
| לאַטאַרניק. יאראָסלאַוו דאָבראָווסקי. פרייז: | 10 | „ |
| שפיאָן. פרייז: | 15 | „ |
| לאטאַרניק. די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן. | 20 | „ |
| ב. א. י. לורוויג ווארינסקי. פרייז: | 20 | „ |
| אמעריקאנער. פיל יפינא פלאַסקאָוויצקאַ. פרייז: | 10 | „ |
| אַרבייטער געדיכטע. פרייז: | 30 | „ |
| ב. א. י. אוגוסט בלאַנקי: פרייז: | 10 | „ |
| א קלאָרער ענטפער (ביילאגע צום 8־טען נומער „אַרבייטער"). פרייז: | 15 | „ |
| די ארבייטער סאָלידאַריטעט און דער קאַמפף אום דאזיין. פרייז: | 10 | „ |
| פערדינאַנד לאַסאַל. פרייז: | 15 | „ |
| מ. מיכלזאהן. טאַדעאוש קאָשציושקאָ. פרייז | 20 | „ |
| ב. פייגענבוים. דער רעכטער וועג. אַ ויכוח וועגען די פוילישע סאָציאַליסטיש פאַרטיי און איהרע פאָדערונגען, אין צוויי טהיילען. פרייז: | 80 | „ |

די אלע בראשורען ווי אויך אלע פוילישע אויסגאבען פון פ. פ. ס. זיינען צו בעקומען אין דער אַדמיניסטראַציאָן פון „פשעדשוויט" Kraków, Grodzka 50.

